

# א שמועס ביים שבת טיש

להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

פרשת
**תולדות**

## • לימוד מהפרשה

**ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו כי עקרה היא**

**ויעתר לו** - לו ולא לה שאין דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע (רש"י)

עס איז באקאנט די מעשה אז דער ווילנער גאון זי"ע האט געבעטן פונעם "דובנער מגיד" זצ"ל ער זאל אים זאגן מוסר. האט דער דובנער מגיד געזאגט: א קונץ אז איר זענט אזוי גרויס אין תורה, איר זיצט אגאנצן טאג אינדערהיים אפגעזונדערט פון די גאס, לאמיר זעהן איר זאלט אביסעלע זיך דרייען אין גאס און דאך זיין אזוי הייליג! האט דער הייליגער גר"א געענטפערט: איך בין נישט קיין קונצן מאכער...

עס זענען דא היינט אסאך מענטשן מיט אויפגעקלערטע סברות, אז מיר דארפן זיין "שטארק" און נישט נתפעל ווערן פון וואס מ'זעהט און וואס מ'הערט. די קונץ איז נישט צו זיין אפגעזונדערט פון גויאישקייט, די קונץ איז צו וויסן וואס טוט זיך, און דאך זיין שטארק אינעווייניג. (זעהט אויס אז אונזער תפקיד אויף דער וועלט איז צו זיין קונצלערס...)

איז עס טאקע אזוי ? לאמיר צוריקפארן 2 חדשים צו פרשת נצבים. משה רבנו ווארענט אונז אז מ'זאל נישט נתפעל ווערן פון די פארשידענע עבודה זרות מיט וועלכע מיר גייען זיך באגעגענען אין ארץ כנען. ער זאגט: איר ווייסט שוין לאנג פון מצרים אז די אלע זאכן זענען 'גארביטש' און נארישקייטן. עס איז זייער אינטערעסאנט די וועג וויאזוי משה ווארענט אונז, *ותראו את "שקוציהם ואת גלליהם" עץ ואבן וכו' פן יש בכם איש או אשה וכו' אשר לבבו פונה וכו'.* וואס איז דאס *שקוציהם* אדער *גלליהם ?* זאגט רש"י שקוציהם: ע"ש שהם מאוסים כשקצים. גלוליהם: שמוסרחין ומאוסין כגלל – זיי זענען פארשטינקען און עקלדיג אזוי ווי גללים. געוואלד, מיר געדענקן נאך פון מצרים ווי עקל'דיג און פארשטינקען די עבודה זרה איז ! שטייטס ווייט!

לאמיר פארשטיין. אויב ווייס איך ווי מיאוס עס איז, פארוואס דארף מיך משה רבנו ווארענען צו שטיין ווייט פון דעם ? א נארמאלער מענטש מיט געזונטע חושים דארף מען ווארענען "שטיי אוועק פון פארשטינקענע פיש" ?

האט געענטפערט דער בריסקער רב ר' וועלוועלע זצ"ל: די ענטפער ליגט אין די ערשטע ווארט פון די פסוק: "ותראו- איר האט געזען"... טויזענטער און מיליאנען מצריים זענען יא געשטאנען נאנט צו די פארשטינקענע און עקל'דיגע עבודה זרה, און זיי האבן זיך נישט פאר'עקלט, און איר האט עס געזען מיט די אויגן. **ווען א מענטש זעהט עפעס - נישט קיין נפקא מינה ווי מיאוס עס איז - ווערט עס אביסל "נארמאל" אין די אויגן. "קוק, יעדער טוט עס"... אפילו דו "ווייסט" אין דיין קאפ אז עס איז נישט גוט, קומט עס נישט צו צו די כח פון "זעהן".** יא יא, טאמער דו וועסט זעהן א גרויסע עולם וואס זעהען אויס "נארמאל" טוהן מיאוס'ע זאכן – וואס דו אליינס ווייסט אז ס'איז מיאוס - וועט מען דיך דארפןווארענען "שטיי אוועק".

דער פאקט איז אז ווילאנג מיר זענען אין א גוף, ווערן מיר נשפע פון די חושים פון די גוף – פון די אויגן און אויערען וכדומה, אפילו ווען דו פארשטייסט מיט דיין שכל אנדערש. שכל איז א רוחני, און ווילאנג מ'לעבט זענען די גשמיות'דיגע חושים זייער שטארק און מ'מוז זיך שטארק רעכענען מיט זיי.

הרב אביגדור מיללער זצ"ל האט דערציילט אז ווען ער האט געלערנט אין די סלאבאדקע ישיבה איז ער געגאנגען שבת אינדערפרי קוקן וויפיל אידען גייען ל"ע אויף די 'סיטיבאס' צו די ארבעט, זיין משגיח זצ"ל האט אים געפרעגט וואס ער טוט דא, האט ער געענטפערט אז ער קוקט צו די מצב פון חילול שבת דא אין שטאט ל"ע, האט דער משגיח געזאגט: מ'דארף ניט קוקן, עס שאדט.

רבקה אמנו איז געווען זייער גרויס. די תורה דערציילט פון ווי זי קומט, נאר ארויס צוברענגען אז זי איז געגאנגען אנטקעגען די שטראם. כאטש איר פלאץ איז געווען פול מיט רשעים, איר משפחה זענען געווען רשעים האט זי זיך נישט אפגעלערנט. פלאי פלאים.

אויב אזוי אז רבקה איז טאקע אזוי גרויס און הייליג, פארוואס איז נאר אנגענומען געווארן די תפלה פון יצחק און נישט פון די צדיקת רבקה ?

יעדער צדיק טרעפט א חן אין די אייגענע דרך עבודה. יצחק אבינו איז געווען א עולה תמימה, א צדיק וואס איז אויפגעוואקסן מיט עלטערען צדיקים, ער האט געהאט א השגה פון קינדער וואס זענען אפגעזונדערט פון שלעכטס, הבדלה בין ישראל לעמים (הבדלה במ"ק בגי' יצחק). רבקה האט אבער געהאט א אנדערע בילד. פון איר 'עקספיריענס' האט זי פארשטאנען אז מ'קען זיין הייליג אפילו ווען מ'וואקסט אויף צווישן רשעים און מ'זעהט זייערע מעשים.

אינו דומה תפילת צדיק בן צדיק לתפילת צדיק בן רשע - ס'איז נישט גלייך זייער תפילה, זיי בעטן אויף אנדערע זאכן, אויף אנדערע סארט חינוך.ביידע זענען אודאי לשם שמים אבער זיי האבן א אנדערע שפראך, עס איז געווען לנוכח אשתו, א פארקערטע תפילה פון די ווייב. נישט וויל עפעס פעלט איר ח"ו, פארקערט איר עבודה און שכר איז זייער זייער גרויס אבער עס איז נישט א דרך פארן כלל.

צו וועלכע וועג ווייזט אונז די תורה דארף מען שטרעבן ? ויעתר לו ה' - לו ולא לה. די תורה זאגט אז לכתחלה דארף מען זעהן אויסצושטעלן א לעבן אפגעשיידט פון רשעים, פון פראסטקייט וכו', נישט זיך פארלאזן אז איך בין גענוג שטארק און איך ווייס מיינע 'לימיטס'.... (נישט נאר פאר די קינדער, נאר פאר זיך אליין, מיר זענען אלע "קינדער", מיר האבן ליב 'שפילצייג'...) נישט געזארגט, אין גלות וועט סיי ווי סיי אריינפאלן גענוג פרעמדע זאכן אן עס אויפזיכן... **די תורה וויל אונז זאגן אז מיר דארפן אויסשטעלן א לעבן נישט צו זעהן און הערן זאכן וואס זענען קעגן די רצון השם. מ'טאר נישט זאגן איך בין גענוג שטארק און "ביי מיר וועט עס נישט שאטן", "איך לאך מיך אויס"... עס איז נישטא א זאך.**

## • מעשה

**כח פון א גוט ווארט און חיזוק**

פארציילט הה"צ ר' אלימלך בידערמאן שליט"א: וועגן דעם כוח פון א ווארט פון חיזוק און עידוד און וואס עס קען אויפטוהן אויף א צווייטן, איז כדאי צו דערמאנען א פאסירונג וואס עס האט דערציילט אונזערס א באקאנטער וואס בדידי' הוה עובדא.

דער יונגערמאן האט געמאכט א סעודת הודאה אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט איהם אויסגעהיילט מיט צוואנציג יאר פריער ווען ער איז נאך געווען א קינד, פון די ביטערע מחלה רח"ל (ווי עס ווייזט אויס האט מען געווארט צו זעהן אז ער איז טאקע פולשטענדיג אויסגעהיילט געווארן, ווען ער האט חתונה געהאט בשעטו"מ און געהאט קינדער למזל טוב).

ער האט איינגעלאדן צו די סעודת הודאה אלע זיינע קרובים און באקאנטע, צווישן זיי דעם דאקטאר וואס האט איהם געטריי באהאנדלט אין דער צייט ווען ער איז געווען נישט געזונט ל"ע.

ביי די סעודה האט דער יונגערמאן אויפגעטרעטן מיט א דרשה. ער האט קודם געמאכט א "הקדמה" אז ער וויל אויסזאגן א "סוד" פון דער צייט ווען ער איז געווען נישט געזונט - וואס עס האט גורם געווען זיין רפואה בשלימות, און ער האט עס נאך קיינמאל נישט דערציילט פאר קיינעם.

איין טאג ווען ער איז געלעגן על ערש דוי רח"ל, האט ער געהערט פון זיין בעט ווי די דאקטוירים רעדן אין זיין צימער, מאכנדיג א סך-הכל פון זיין מצב. האט איינער פון די דאקטוירים זיך אנגערופן אז דעם אמת געזאגט, איז לויט די מעדיצינישער ביכער האט דאס יונגל ליידער נישט קיין שאנסן ארויסצוקריכן פון זיין מחלה ה"י, **אבער איך בין זיכער אז ער וועט נאך יא אויפשטיין און ארומגיין כאחד האדם, ווייבאלד איך זעה ביי איהם א שטארקן רצון איבערצולעבן די מחלה און ארויסגיין ממוות לחיים.**

און דער יונגערמאן האט צוגעגעבן, אז ער האט טאקע מיטגעמאכט אסאך שווערע מצבים זינט יענעם טאג. ער האט זיך שוין כמעט מייאש געווען זעהענדיג ווי ער האלט נענטער צום סוף ווי צום לעבן ל"ע, אבער די דערמאנטע ווערטער פונעם דאקטאר האבן געהילכט אין זיינע אויערן איין מאל און נאכאמאל. פון די טיפענישן פון די מחלה האָט ער געהערט דעם דאקטאר'ס ווערטער אז **"איך בין זיכער אז ער וועט נאך אויפשטיין און ארומגיין אויף די פיס, ווייבאלד מ'זעהט ביי איהם א שטארקע רצון צו לעבן און ארויסגיין פון זיין שווערן מצב"...**

און יעצט זעהט איר דאך ווי איך שטיי דא היינט פאר אייך פולשטענדיג געזונט בעזרת השי"ת. און אויב איר ווילט וויסן ווער עס איז דער דאקטאר וואס האט מיר געראטעוועט דאס לעבן, אט דאס איז דער דאקטאר וואס זיצט דא מיט אונז ביי די סעודת הודאה...

ווען דער בעל העובדא, דער יונגערמאן האט גענדיגט רעדן האט דער דאקטאר זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: יא, דער יונגערמאן איז גערעכט **איך האב אזוי געזאגט** לא לא פחות ולא יותר "**אבער איך וועל זאגן דעם אמת, אז דעמאלס האב איך גאר גערעדט וועגן אן אנדערן פאציענט"** ווייל ער - דער יונגערמאן איז געווען אין אזא ביטערן מצב, אז מיט אלע זיינע גוטע רצונות איז נישט געווען שייך במציאות ער זאל אויסגעהיילט ווערן...

פון דעם האב איך אויך געזעהן אלס דאקטאר, דעם גרויסן כח פון א ווארט פון עידוד און חיזוק, **אפילו אויב עס איז נאר אינעם דמיון פונעם חולה!**

פון דא קען מען לערנען "עד היכן הדברים מגיעים" אז א גוט ווארט פון חיזוק און דערמוטיגונג האט איהם ארויסגענומען פון טויט צו לעבן כפשוטו ממש.

## *א גוט שבת*